פרשת וארא ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון ל"ו ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר שמות
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות

# בך בטחתי

## עיני כל אליך ישברו;
אַ לעבן פון תענוג דורך די ריכטיגע מחשבות פון 'אמונה' און 'בטחון'

שיעורי חוה"ל שער הבטחון י"ח, יום ראשון פרשת כי תצא ח' אלול תשע"ט

א

## טוב וישר ה'; די זיסע עבודה פון מאַכן 'השתדלות' און 'דאַווענען' באַגלייט מיט בטחון

### די צוויי געשמאַקע פעולות פון דעם בעל בטחון

מיר האַלטן אין דער פתיחה פון דעם 'חובת הלבבות שער הבטחון', וואו ס'איז אויסגעשמועסט געוואָרן די נקודה אַז אפילו ווען דער מענטש טרעפט זיך מיט פאַרשידענע 'טרדות' אין לעבן, אָפּגעזען צי טרדות הפרנסה, טרדות פון דער שטוב ווירטשאַפט, אָדער טרדות פון עסקנות פאר אידנ'ס וועגן, איז דאָס אַלעמאָל אַ תענוג פאר דעם בעל בטחון און עס ברענגט אים 'מנוחת הנפש'.

די סיבה וויאַזוי דער 'בעל בטחון' קען אַלעמאָל זיין אַזוי רואיג, איז וויבאַלד ביי יעדע זאַך וואָס ער איז עוסק טוט ער בלויז צוויי געשמאַקע זאַכן: **ער איז עוסק אין 'נתינה'** מיט פעולות פון חסד, און **ער דאַוונט מיט אַ ביטול צום אויבערשטן**. דער בוטח בה' איז קיינמאָל נישט מקשר צווישן זיינע 'פעולות' מיט די 'תוצאות', ווייל ער ווייסט אַז די תוצאות ליגט בלויז ביים אויבערשטן אין די הענט. דאָס גיט אים אַ געוואַלדיגע תענוג און רואיגקייט.

### דער אמת איז זייער קלאָר און יעדער קען עס זען

צומאָל קוקט אונז אויס ווי ס'איז פאַרקערט, כאילו די וואָס מאַכן מער השתדלות און פאַרלאָזן זיך דערויף, זיי באַקומען זייערע צרכים און זיי האָבן גאָר אַ 'מנוחת הנפש'. **איז אָבער דאָ אַזויפיל ראיות פון דער מציאות אַז ס'איז שקר וכזב!** דער יצר הרע וויל טאַקע אַז ס'זאָל אונז אויסקוקן פאַרקערט, אָבער ווען מ'איז זיך אַ משהו מתבונן איז עס פשוט נישט ריכטיג!

דאָס דאַרף מען קלאָרשטעלן כדי אַז מ'זאָל דאָס גוט דערהערן: מענטשן מיינען אַמאָל אַז 'אמונה' איז טייטש אַז די גאַנצע וועלט שרייט איין זאַך און מיר דאַרפן שטיין און גלייבן אַז ס'איז נישט וויאַזוי עס קוקט אויס מיט די אויגן. אָבער דאָס איז אַ גרויסער טעות! די מציאות איז אַז די אמת'ע אמונה קען מען זען אָפן און קלאָר, נאר דער יצר הרע פאַרדרייט אונז אַ קאָפּ און פאַרבלענדט אונז די אויגן צו קוקן אויף דאָס ביסל שקר, אַנשטאָט אויף דעם גרויסן אמת.

### מ'דאַרף נישט האָבן קיין אמונה אַז אומגעזונטע עסן שאָדט...

אַ גוטע דוגמא דערצו איז די טעמע פון עסנוואַרג: יעדער ווייסט אַז ווען אַ מענטש עסט געזונט, שפירט ער זיך דערנאָך גוט. ווידעראום, ווען אַ מענטש עסט נישט געזונטע עסנוואַרג איז דאָס פשוט נישט גוט פאַר אים. אָבער טראָצדעם זענען פאַרהאַן זייער אַסאַך מענטשן וואָס קענען זיך נישט איינהאַלטן און עסן די אַלע אומגעזונטע פראָדוקטן וואָס זענען היינט דאָ צו באַקומען אויף דער מאַרקעט.

**דאָס איז נישט קיין זאַך וואָס מ'דאַרף דערצו האָבן 'אמונה'. ס'איז פשוט אַ מציאות וואָס מען שפירט ביי זיך אַליין!** אויב מען פאָלגט דעם גוף, וואָס ציעט צו די אַלע אומגעזונטע עסן, שפירט מען זיך דערנאָך האַלב קראַנק, מען האָט נישט קיין מח צו גאָרנישט און די מאָגן איז איבערגעדרייט. **דאָס אַז מענטשן טוען דאָס סייווי, נעמט נישט אַוועק פון דעם פאַקט אַז מ'דאַרף נישט האָבן קיין 'אמונה' דערצו.** די וועלט דערציילט אונז דעם אמת: ווער עס עסט געזונט שפירט זיך גוט! דאָס איז דער מציאות אין דער בריאה.

### מען דאַרף נישט האָבן קיין אמונה אַז דער 'בעל בטחון' האָט אַ רואיג לעבן

ממש די זעלבע זאַך איז ווען ס'קומט צו 'אמונה ובטחון', אויב ווערט מען זיך מתבונן זיין, מען ווערט גוט נאָכקוקן די מענטשן וואָס פירן זיך ווי דער 'חובת הלבבות' שטעלט אַוועק, **ווערט מען נישט דאַרפן האָבן קיין 'אמונה'!** מען וועט זען קלאָר אַז זיי זענען פטור פון אַלע זייערע טרדות און זיי לעבן מיט אַ 'מנוחת הנפש'. **אַזוי אַרבעטן זאַכן אויף דער בריאה!**

איי, עס דרייט זיך דאָך אַרום רוב וועלט וואָס טוען נישט אַזוי?! איי, מ'זעט דאָך מענטשן וואָס לעבן מיט דעם שקר פון זיך פאַרלאָזן אויף זייער השתדלות?! נו, דאָס איז פונקט ווי מענטשן וואָס עסן אומגעזונטע עסנוואַרג. ס'איז טאַקע דאָ זייער אַסאַך מענטשן וואָס לעבן אויף אַזאַ סאָרט אומגעזונטע דיעטע, אָבער **דאָס טוישט נישט די אָפענע מציאות** אַז דאָס שאָדט פאַר'ן גוף.

אַזוי אויך איז ביי 'בטחון': קוק גוט, וועסטו אליינס קלאָר זיך איבערצייגן ווער ס'האָט 'מנוחת הנפש' דאָ אויף דער וועלט. מ'דאַרף נישט האָבן דערצו קיין אמונה! אַז מען איז זיך מתבונן ווערט מען דאָס זען אין פאַקט! מ'דאַרף נאר ריכטיג אָנקוקן די וועלט.

### דער בוטח בה' טוט בלויז אין 'נתינה' מיט אַ געשמאַק

אָט דער כלל איז אמת ביי יעדע סאָרט השתדלות וואָס מיר דאַרפן טון. צי איז דאָס אַ איד וואָס איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט פאר פרנסה, צי איז דאָס אַ אידישע מאַמע וואָס איז פאַריאָגט מיט אַ קינדער געבענטשטע שטוב; אויב האָט מען 'בטחון', דאַן טוט מען די אַלע זאַכן מיט אַ פולקאָמע דביקות צו השי"ת. מען איז בלויז עוסק אין 'נתינה'! **מען מאַכט 'גמילת חסדים' אַגאַנצע צייט!** מען איז נישט פאַרנומען צו קוקן אויב די 'השתדלות' ברענגט שוין די געוואונטשענע 'תוצאות' און דערפאַר איז מען טאַקע אייביג רואיג און צופרידן!

אפילו ווען עס קומט צו 'חינוך הבנים והבנות', וואָס ליידער קען אַמאָל זיין נסיונות וואו השי"ת איז מנסה דעם מענטש. די קינדער האָבן אַן אייגענע

'בחירה' און דאָס קען אַזוי שטאַרק מטריד זיין דעם מח פון עלטערן, אָבער **דער 'בעל בטחון' ווייסט אַז ער דאַרף נאר טון דאָס זייניגע!** ער דאַרף טון די עבודה פון אברהם אבינו צו מפרסם זיין פאַר זיינע דורות אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט. דאָס איז וואָס ער טוט, **אָבער די 'תוצאה' קען ער נישט ברענגען, דאָס קען נאר פּאַסירן דורך תפלה!**

## דאַוונען מיט אַ 'מנוחת הנפש'

אפילו ווען דער בוטח בה' דאַוונט זוכט ער נישט צו 'איבערצייגן' דעם רבוש"ע כביכול... ווען ער דאַוונט איז דאָס אויך **בלויז מיט דער כוונה זיך צו מדבק זיין צו השי"ת**; זיך צו מער איינ'חזר'ן אַז דער אויבערשטער פירט די בריאה, ער קען אַלעס מאַכן, ער איז אַ 'טוב ומטיב לכל', אַלעס וואָס ער טוט איז גוט.

דער 'בעל בטחון' דאַוונט בלויז **אויף אַזאַ סאָרט רואיגע אופן!** ער איז פאַרזיכערט אַז ווען ער דאַוונט הערט אים דער אויבערשטער אויס און ער וועט אים זיכער משפיע זיין דאָס בעסטע פאַר זיין עתיד.

קומט דאך אויס אַז **אַזאַ מענטש טוט אַלעמאָל בלויז צוויי געשמאַקע זאַכן אין לעבן!** ווען ער איז עוסק צו מסדר זיין אַלע זיינע טרדות, שפּירט ער **אַזוי ווי איינער וואָס איז עוסק אין 'חסד'**; ער האָט די גוטע הרגשה אַז ער טוט יעצט דעם רצון ה' דורך געבן און העלפן פאַר אַנדערע. דערנאָך בשעת ער דאַוונט **האָט ער ווייטער די נעימות'דיגע הרגשה**, פון זיך איבערגעבן פאַר'ן רבוש"ע און זיך מדבק זיין צו השי"ת מיט אַן אמת.

## אַ 'מנוחת הנפש' אין אַלע ערליי שווערע סיטואַציעס

די רואיגקייט פון דעם 'בעל בטחון' באַגלייט אים ביי יעדע סאָרט געשעעניש פון דער וועלט. נישט נאר ביי טרדות פון פרנסה און העלפן אין שטוב. אפילו צום ביישפּיל ווען אַ איד האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט עמיצער וואָס האָט אים באַ'גנב'ט. ער האָט אינוועסטירט געלט ביי איינעם לאַנגע יאָרן און יעצט איז ער פאַרנומען מיט אַ שווערע געריכט ווייל יענער וויל אים באַשווינדלען אָן קיין שום יושר. ער ווייסט ביי זיך קלאָר אַז ער אומשולדיג און ס'האָט אים פּלוצלינג באַטראָפן אַזאַ צרה אויפ'ן קאָפּ מיט פאַרוויקלטע לעגאַלע פּראָבלעמען און געריכט סעסיעס.

אויך דעמאָלט טוט דער 'בעל בטחון' זיין השתדלות מיט דאָס מאַקסימום 'מנוחת הנפש' און רואיגקייט, **ווייל ער ווייסט אַז ער געפינט זיך אין די האַנט פון השי"ת!** ער ווייסט אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ מציאות אַז דער אַנדערער מענטש זאָל אים קענען ווי טון אַדער שאָדן מאַכן אָן דעם וואָס דאָס זאָל זיין דער רצון ה'!

> **"אפילו ווען דער בוטח בה' דאַוונט זוכט ער נישט צו 'איבערצייגן' דעם רבוש"ע כביכול...**

האָבנדיג די קלאָרע ידיעה לייגט זיך דער מענטש גענצליך אריין בידיו של הקב"ה. ער איז מחליט: אויב דער רבוש"ע וויל 'יעצט אַזאַ מצב בין איך מסכים דערצו! **איך דאַרף בלויז טון מיינע 'פּעולות' בדרך הטבע, צו ברענגען פרנסה פאַר מיין משפּחה, אָבער די 'תוצאה' ליגט בכלל נישט ביי מיר.** אויב וועט די תוצאה זיין אַז יענער וועט מיך אינגאַנצן באַ'גנב'ן, איז דאך דאָס דער רצון ה', און דער רבוש"ע איז דער וואָס גיט פרנסה, וועל איך עס באַקומען פון אַן אַנדערן אופן!

דער בוטח בה' מאַכט זיך דעם חשבון: **דאָס יאָר 'ראש השנה' איז דאָך שוין באַשטימט געוואָרן פאַר מיר מיין פונקטליכע פרנסה אויף אַגאַנץ יאָר!** מיין 'קצבה' פון פרנסה וועל איך סיי ווי באַקומען! אויב וועט עס נישט אָנקומען דורך די 'סיבה' וועט עס אָנקומען פון אַן אַנדערע 'סיבה'.

## דיין יעצטיגע קוואַל פון 'פרנסה' איז די לעצטע און שוואַכסטע מקור פון שפע

אַזוי איז טאַקע מסביר דער בעל 'חובת הלבבות', דאָ אין 'שער הבטחון' סוף פרק ז', אַז דאָס גרעסטע טעות וואָס הרג'ט אַוועק די בטחון פון אַ מענטש איז ווען מען הייבט אַן טראַכטן אַז: "די זאַך איז מיין מקור פון פרנסה און אויב דאָס וועט אַוועקגיין וועל איך פאַרלירן מיין פרנסה".

דער חובת הלבבות זאָגט אַ משל דערויף, אַז ווען דער מלך וויל עפּעס אויספירן באַפעלט ער דאָס פאַר'ן 'משנה למלך', וואָס זאָגט דאָס פאַר'ן 'שר', וועלכער גיט דאָס איבער פאַר'ן 'סרדיוט', און אַזוי ווייטער, ביז ס'קומט אָן צום סאַמע לעצטן, נידריג ראַנגיקן באַאַמטער, וואָס ער פירט דאָס אויס אויף למעשה.

**ווער האָט די קלענסטע כח אין דער גאַנצער רייע? דער לעצטער!** וויפיל מען גייט העכער אין דער ליסטע האָבן זיי אַלס מער 'סמכות' און כח צו אויספירן און מבטל זיין זאַכן.

דער נמשל איז אַז מיר זענען פאַרנומען מיט אונזער מקור פון פרנסה, וואָס דאָס איז למעשה **די לעצטע זאַך אין דעם סדר וויאַזוי די שפע ווערט נשתלשל פון הימל!** די פרנסה האָט די וויניגסטע שייכות צו אונזער געלט, ווייל **דאָס איז די סאַמע ווייטסטע און לעצטע 'צינור' וויאַזוי די שפע קומט אָן צו אונז!** דער אמת'ער מקור פון דער שפע ליגט ביים קעניג, און ווען ער האָט אונז באַשטימט אַ 'קצבה' פון פרנסה **וועלן מיר דאָס באַקומען**, אַפּגעזען דורך וועלכע סיבה.

## מען קען טון אַלע פעולות כראוי, אָבער מען דאַרף נישט ווערן פאַר'דאגה'ט דערפון

דער 'חובת הלבבות' זאָגט אַז דער 'בעל בטחון' איז אַזוי ווי דער 'בעל האלכימיה', וועלכער פאַרוואַנדלט אַלעס אין גאָלד. יעדע מצב וואָס באַטרעפט דעם איד זאָגט ער: "**אויב השי"ת וויל איך זאָל גיין דורך דעם אַנדערן וועג, וועלן מיר גיין פון דאָרט**". ער עקשנ'ט זיך נישט צו בלייבן אויף דעם זעלבן וועג וויאַזוי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז דאָרט וועט ער פאַרן, נאָר ער איז רואיג: "**אויב דער רבוש"ע וויל אַזוי, מסתמא איז פאַר מיך בעסער צו גיין דורך אַן אַנדערע וועג**".

אַ איד וואָס פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן איז קיינמאָל נישט פאַר'דאגה'ט. אפילו ווען ער איז פאַרוויקלט מיט אַ געריכטליכע קלאַגע, נעמט ער טאַקע אַן אַדוואָקאַט לויט דעם סדר העולם, אָבער ער ווייסט קלאָר אַז **דאָס האָט גאָרנישט מיט די תוצאות!** יעצט, אַז ער האָט שוין געטון זיין השתדלות בדרך הטבע, קען ער גיין רואיג דאַווענען און לערנען, **ער קען רואיג זיצן ביי 'אבות ובנים' מיט זיינע קינדער, ווייל די 'תוצאות' האָט נישט מיט מיר!** די אַלע זאַכן וועלן מיר נישט העלפן קיין משהו! אפילו ווען ער איז מתפלל טוט ער דאָס אויפ'ן ריכטיגן אופן; ער מאַכט נישט קיין געאיילטע סגולות און ער דאַוונט נישט ווי מיט אַ האַמער אַז די ישועה זאָל קומען פונקטליך וויאַזוי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט...

ב

# וירא מנוחה כי טוב; האָב הנאה פון דיין אַרבעט

## עוסק זיין בפרנסה צו אַרויסגעבן די אייגענע 'תכונות הנפש'

ווען מען טיילט גוט אָפּ צווישן די צוויי זאַכן, די השתדלות און די תוצאות, דעמאָלט הייבט מען אַן הנאה האָבן פון וואָס מען טוט, אפילו מען איז פאַרנומען מיט דער פרנסה, ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא אויפ'ן פסוק "**ונטעתם כל עץ מאכל**" אַז דער רבוש"ע האָט ספּעציעל איינפלאַנצט ביי יעדן מענטש געוויסע סאָרט נאַטורן און 'תכונות הנפש' כדי יעדער זאָל אַרויסברענגען זיינע כוחות און אַזוי באַאַרבעטן די בריאה מיט אַ שלימות.

## טו בלויז אַזאַ אַרבעט וואָס שטימט מיט דיין נאַטור

דער חובת הלבבות זאָגט שפּעטער אין 'שער הבטחון' אַז אַ מענטש זאָל נישט נעמען אַן אַרבעט וואָס איז קעגן זיין 'תכונת הנפש', ווייל אַז דו וועסט נעמען אַן אַרבעט וואָס איז נישט לויט דיין נאַטור וועסטו דאך זיין טרוד, נעם אַ זאַך וואָס דו האָסט דאָס מערסטע ליב צו טון! **טראַכט פון אַ זאַך וואָס דו האָסט אַ געשמאַק דערינען און טו דאָס!** אַז דו וועסט דערנאָך זאָגן 'פּרשת המן' יעדן טאָג וועסטו זען אַ געוואַלדיגע הצלחה!

אודאי דאַרף מען אנפולן דעם טאָג און נישט גיין ליידיג, ווי דער 'חובת הלבבות' זאָגט אַז השי"ת האָט דירעקט געמאַכט אַז מיר זאָלן זיין פאַרנומען ווייל אַז נישט וואָלטן מענטשן געטון עבירות, "שיגיעת שניהם משכחת עון", **מ'דאַרף זיין פאַרנומען מיט גוטע זאַכן**, און מ'דאַרף זיין עסוק צו אַרויסגעבן די אייגענע 'כוחות הנפש' און מטיב זיין מיט דער בריאה!

ווען אַ מענטש אַרבעט אויף דעם אופן, אַז ער גיט זיך אַרויס זיינע כשרונות און תכונות, דעמאָלט האָט ער נאָכדעם נישט קיין טענות אויף זיין אַרבעטס געבער, ווייל ער האָט אַזאַ געשמאַק אין זיין פרנסה: "איך טו דאָס וויבאַלד איך האָב עס ליב צו טון!"

## די 'השתדלות' טוט מען נישט פאר די געלט

דאָס איז פונקט ווי ס'איז פאַרהאַן אַזעלכע אידן וואָס זענען מגידי שיעור אין ישיבות, נישט ווייל זיי דאַרפן דאָס האָבן פאַר פרנסה, זיי האָבן ב"ה פרנסה פון אַנדערע פלעצער, זיי קומען זאָגן שיעורים ווייל זיי האָבן אַ געשמאַק דערינען. פרנסה האָבן זיי פון ערגעץ אַנדערש. אַזוי לעבט דער 'בעל בטחון'! **ער אַרבעט מיט אַ פרנסה וואָס ער האָט הנאה צו טון, און דאָס געלט וועט אים שוין קומען דורך השי"ת!**

## לאָמיר האָבן 'הנאה' אַנשטאָט 'טרדה'

הלואי וואָלטן מענטשן דאָס געכאַפּט און דאָס אַריינגענומען אין מח! **לאָמיר טון אין לעבן בלויז געשמאַקע זאַכן:** צוערשט איין געשמאַקע זאַך פון זיך אַרויסגעבן די כוחות הנפש און 'זיין אַ נותן', דערנאָך נאָך אַ געשמאַקע זאַך וואָס הייסט 'תפלה', דערנאָך איז דאָ נאָך אַ געשמאַקע זאַך וואָס הייסט 'בטחון'. דאָס איז דאך אַ נעימות'דיגע לעבן!

לאָמיר נישט אויסמישן די צוויי זאַכן פון 'השתדלות' און 'תוצאות'. לאָמיר לעבן מיט'ן אמת וואָס די תורה זאָגט אונז: **"כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם"**. די תורה דערציילט אונז וויאזוי די בריאה אַרבעט! די תורה זאָגט אונז: **נעמט זיך אַריין אין קאָפּ אַז די צוויי זאַכן האָבן נישט קיין שייכות!**

דער בעל בטחון גייט נישט ליידיג, ער איז עוסק אין מסדר זיין די טרדות, אָבער אַלעס וואָס ער טוט איז בלויז ווייל דאָס איז דער רצון הבורא. ווען ס'קומט אים אונטער אַ פרישע זאַך צו טון טראַכט ער: **"אָה ס'איז מיר אונטערגעקומען נאָך אַ רצון הבורא. דער רבוש"ע וויל יעצט אַז איך זאָל דאָס טון ריכטיג און בשלימות"**.

## די אומזינסטע 'טרדה' וואָס נעמט אַוועק אונזער 'תענוג'

אַ מענטש וואָס איז עוסק יומם ולילה מיט זיינע ענינים איז דאָס נישט קיין סתירה צו 'מנוחת הנפש'. פאַרקערט, מען דאַרף אַרבעטן און אויפטון אויף דער וועלט. **די סתירה צו 'מנוחת הנפש' איז ווען דער מענטש איז 'טרוד' אין מח אַדאַנק זיינע פעולות.** דאָס איז ווען זיין השתדלות נעמט אים אַוועק זיין רואיגקייט און זיין ישוב הדעת.

אַ גוטע ביישפיל דערצו איז דער אופן וויאַזוי צוויי מענטשן שמועסן. אַמאָל, איידער ס'איז געווען טעלעפאָנען, האָבן צוויי חברים געקענט פאַרברענגען אינאיינעם און הנאה געהאַט דערפון. ס'איז דאָ אַ געשמאַק ווען איינער הערט אויס דעם אַנדערן און ווען דער מענטש שפירט אַז דער צווייטער אינטערעסירט וואָס ער האָט צו זאָגן.

אָבער די היינטיגע וועג פון רעדן איז אַז ווען איינער רעדט צום אַנדערן שפילט זיך יענער מיט'ן טעלעפאָן... ער הערט נישט וואָס מ'רעדט צו אים ווייל ער איז האַלב דאָ און האַלב דאָרט. דאָס הייסט אַז דער מענטש איז 'טרוד', ער איז נישט פאָקוסירט אויף וואָס ער דאַרף יעצט זיין קאָנצענטרירט! זיין קאָפּ איז נישטאָ ביי דער זאַך וואו עס באַלאַנגט יעצט צו זיין!

דאָס זעלבע איז ווען ס'קומט צו השתדלות אויף אַלע סאָרט אופנים. ווען אַ מענטש איז מקושר צו דער זאַך וואָס ער טוט, ער שפירט דאָרט אַ געשמאַק, דעמאָלט האָט ער דערפון אַ געוואַלדיגע תענוג. אָבער ווען זיין מח ווערט 'טרודי' פאַרלירט ער דעם געשמאַק און ער פאַרלירט זיין 'שמחת החיים'.

## מ'אַרבעט צו אַרויסגעבן די 'תכונת הנפש'; געלט שיקט השי"ת

דער 'בעל בטחון' זיצט און מאַכט זייגערס, **ווייל דער אויבערשטער האָט אים געגעבן אַ 'חוש' אין דער פאַך.** מענטשן דאַרפן דאָך האָבן זייגערס, ס'איז אַ צורך פאר דער בריאה, איז ער דעריבער יעצט מקיים דעם רצון השי"ת. ס'איז געווען גרויסע חשוב'ע אידן וואָס האָבן געאַרבעט אַלס זייגער מאַכערס, וואוסנדיג אַז זיי זענען יעצט עוסק אין רצון ה'.

**ביים בוטח ה' זענען די צוויי זאַכן פון 'פּראָדוצירן זייגערס' און 'פאַרדינען געלט' בכלל נישט פאַרבינדן.** ער אַרבעט אויף זייגערס, ווייל דאָס איז דער רצון ה' אַז ער זאָל אַרויסגעבן זיינע 'תכונת הנפש' צו בעסער מאַכן די וועלט, און **פרנסה באַקומט ער פון השי"ת,** וועלכער גייט אים עס זיכער שיקן מידו הרחבה והמלאה!

# ואתה נותן להם את אכלם; די לעקציע וואָס מיר דאַרפן לערנען פון אַ ביזנעס דורכפאַל

## רבות מחשבות בלב איש

אַ הפלא'דיגע זאַך שטייט אין דער **'הגדה של פסח-מראה יחזקאל'** פון הרה"ק רבי **יחזקאל פאַנעט** זי"ע דער דעעשער רב, (ד"ה 'רשע מה הוא אומר') אַז מען זעט מיט די אויגן וויאַזוי 'על פי רוב', ווען אַ מענטש מיינט אַז ער גייט פאַרדינען זיין געלט דורך אַ געוויסע פרנסה, וועט ער פונקט דאָרט נישט מצליח זיין און השי"ת וועט אים שיקן זיין פרנסה פון אַן אַנדערע פלאַץ, אויף אַן אופן וואָס ער האָט בכלל נישט געטראַכט. אַלעמאָל קומט די שפע פון אַ צווייטע זייט, נישט ווי געראָכטן.

באמת - פרעגט דער 'מראה יחזקאל' - איז שווער: דער רבוש"ע גייט דאך סייווי געבן פאַר'ן מענטש זיינע געברויכן, פאַרוואָס גיט ער אים דאָס נישט דורך דעם דעם 'עסק' וואָס דער מענטש האָט געוואָלט?! ווען עס אַרבעט זיך נישט אויס דעם מענטש'נס פלענער ברענגט דאך עס אים אַ שטיקל עצבות[א], פאַרוואָס פעלט דאָס אויס?!

## רעד זיך נישט איין אַז דיינע פעולות האָבן געברענגט די רעזולטאַטן

ענטפערט דער 'מראה יחזקאל': **'טעם הדבר נראה לי כדי שיהיה בעל בטחון'** - אַז דורכדעם וועט דער מענטש האָבן בטחון. **'ולא יאמר כוחי ועוצם ידי עשו לי'** - ער וועט אויפהערן מקשר זיין צווישן די צוויי זאַכן, כאילו זיין 'השתדלות' ברענגט די 'תוצאות'. ער וועט זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיינע פעולות, נאָר ער וועט וויסן אַז אַלע זיינע הצלחות קומט בלויז פון השי"ת.

'כוחי ועוצם ידי' איז טייטש ווען דער מענטש טראַכט אַז "די זאַך האָב איך עררייכט מיט מיינע צען פינגערס"... **דער רבוש"ע האָט אָבער רחמנות און ער מאַכט אַז דער מענטש זאָל נישט מצליח זיין מיט דעם געשעפט וואו ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער גייט פאַרדינען.** השי"ת מאַכט דאָס כדי דער מענטש זאָל נישט אַריינפאַלן אין דעם ביטערן גרוב. **ס'איז דאך דאָס אַרגסטע זאַך וואָס קען פאַסירן פאר אַ מענטש אַז ער וועט חלילה אָפּלעבן זיינע יאָרן מיט דעם טעות.**

## השי"ת שיקט אונז צו פאַרזוכן 'אַביסל מדבר' כדי צו קונה זיין בטחון

דער 'מראה יחזקאל' זאָגט אַז דערפאַר האָט דער אויבערשטער אונז געברענגט אין מדבר אויף פערציג יאָר, ווייל **דאָרט האָבן זיך אידן אויסגעלערנט אַז ס'איז נישטאָ קיין שום 'כוחי ועוצם ידי'.** דאָרט איז בלויז געווען 'מן' פון הימל אָן דאָס מינדסטע אייגענע פעולות.

דאָס זעלבע זאַך קענען מיר היינט יונק זיין פון דעם 'פרשת המן', ווען דער אויבערשטער מאַכט אַז יעדער איינער זאל כאָטש טועם זיין 'אַביסל מדבר', **ווען ער זעט אַז זיינע פלענער אַרבעטן זיך נישט אויס ווי ער וואָלט געוואָלט.** דאָס קומט אונז ווייזן - פונקט ווי אין מדבר - אַז אונזער גאַנצע שפע קומט בלויז פון השי"ת!

## פאַרשטיי אַז דיין דורכגעפאַלענע ביזנעס פלאַן איז 'לטובתך'

דער נישט קלוגער מענטש - אַנשטאָט ער זאָל פאַרשטיין אַז דאָס איז די גרעסטע טובה פאַר אים - ווערט ער אויפגערעגט. ער באַשולדיגט זיך אַז ער איז אַזאַ שלימזל און ער האָט טענות: "איך האָב אַזויפיל מתפלל געווען! ווייסט וויפיל צדקה איך האָב געגעבן?! פונקט היינט אינדערפרי האָב איך זיך אונטערגענומען אַ גוטע קבלה, פאַרוואָס גייט מיך נישט די הצלחה?! פאַרוואָס פאַסירט אַלעמאָל אַזעלכע זאַכן?!"

דאָס איז וואָס מענטשן טראַכטן און רעדן אַגאַנצן טאָג, אָבער דער 'מראה יחזקאל' זאָגט אונז אַז ווען עס פאַסירט אַזאַ זאַך, דיינע פלענער זענען צערינען, **פאַרשטיי אַז דאָס באַדייט אַז השי"ת האָט דיך אַזוי ליב!** אויב ס'וואָלט דיך אַלעס געגאַנגען יעדעס מאָל וואָס דו פּרובירסט עפּעס צו טון, וואָלסטו זיכער אַריינגעפאַלן אין דעם קליפּה פון 'כוחי ועוצם ידי'! דעמאָלט וואָלסטו געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם אויבערשטן! וואָלסט געווען 'מנותק' פון הצלחה, פון

---

א. אַ מענטש האָט אַ געוואַלדיגע געשמאַק ווען זיינע פלענער ווערן פאַרווירקליכט. לויט דעם איז דער קאַזיגלאַווער גאון זצ"ל, בעל ארץ צבי, מסביר דעם טעם פאַרוואָס אַ 'מתעסק' איז פטור פון אַ קרבן חטאת, ווייל ווען אַ מענטש טוט אַ פעולה און עס ווערט אויסגעפירט האָט ער דערפון הנאה, אָבער ווען איינער איז געווען אַ 'מתעסק', האָט ער דאָך נישט געהאַט דאָ קיין מחשבה, און דעריבער האָט ער בכלל נישט הנאה געהאַט פון זיין מעשה, דעריבער איז ער פטור פון אַ קרבן.

תענוג, פון רואיגקייט! **וואָלסט געווען מלא טרדות אַגאַנץ לעבן!**

ווען אַ מענטש זעט אַז זיין ביזנעס פּלאַן איז דורכגעפאַלן זאָל ער כאַפּן די געלעגנהייט! יעצט איז דיין צייט זיך צו אויסלערנען טראַכטן אַ נייע וועג! זיי זיך מרגיל צו טראַכטן אַז **איך דאַרף טון וואָס כ'דאַרף טון אָבער דער רבוש"ע גייט מיך העלפן.** כ'ווייס טאַקע נישט וויאַזוי אָבער כ'ווייס דאָס קלאָר מיט אַ געוואַלדיגע רואיגקייט אַז ער גייט מיך ברענגען מיין פּרנסה פון סיי וועלכע 'סיבה' אין דער וועלט. **ווען מען חזר'ט זיך דאָס צען מאָל און הונדערט מאָל, הייבט מען אן לעבן אויף אַזאַ סאָרט אופן** און מען האָט שוין נישט קיין טרדות!

## וואָס איז טייטש 'רשעים מלאים חרטות'?!

מיט אָט דעם יסוד טייטשט דער 'מראה יחזקאל' דעם מאמר חז"ל 'רשעים מלאים חרטות'. לכאורה איז דאך פאַרקערט, רשעים טוען עבירות און זיי האָבן נישט קיין חרטה.

נאָר, איז ער מסביר, אַז געווענליך ווען איינער מאַכט אַ געשעפט און ער איז מצליח, זאָגן אַלע אויף אים: "פּשש.. ער איז אַ מוצלח, ער האָט צוויי רעכטע הענט...". און אויך דער מענטש זעלבסט רעדט זיך איין אַז ער איז אַ געלונגענער.

ווידער, ווען דער זעלבער מענטש פּראָבירט אַ געשעפט און ער האָט נישט מצליח געווען, דעמאָלט זאָגן אַלע: "ווער האָט אים געהייסן אַריינגיין אין 'ריעל עסטעיט'?! ער איז געווען אַ חכם! ער האָט זיך איינגערעדט אַז ער גייט ווערן אַ גביר... ער האָט אָנגעזעצט ווייל ער איז נאָך יונג און ער האָט טאַקע געמיינט אַז ס'אַרבעט אַזוי..." אויך דער מענטש אליינס האָט ביטער חרטה אַז ער האָט נישט געטון אַנדערש.



דהנה בנוהג שבעולם, כשאדם מתעסק באיזה משא ומתן ועושה חיל ומצליח, אומרים עליו שהוא חכם גדול ואיש חיל שהתחכם כל כך והגדיל לעשות כזאת, וגם הוא בעצמו מתגאה על כחו ועוצם ידו ומי כמוהו זריז ונשכר. אמנם כשלא יצליח בעסק ההוא, אומרים עליו שהוא סכל ונמהר להתעצם בעסק שאינו יכול לעמוד בו, וגם הוא בעצמו מתחרט על שלא עשה באופן אחר להצליח.

הנה כי כן היא מדת הבוערים אשר לא ידעו את ה'. ואולם לא כאלה חלק המאמינים ובוטחים בה' ובישועתו באמת ותמים, כי לא יגבה לבבם אם יצליחו, ולא ירך אם יפסידו, ולא יתחרטו לעולם על פעולתם בעסק משא ומתן, ומאמינים שלא יגעו לריק, ואם התעסק באופן אחר גם שם לא תמצא ידם תכלית יותר כמו עתה. ועל זה אמר 'הרשעים מלאים חרטות', מחמת שאין להם אמונה שהכל מן השמים יתרחטו לעולם על פעולתם.

ולמען השתרש בלבבינו האמונה שלימה ובטחון באמת שהכל בידי שמים, ע"כ כשהיינו בארץ מצרים היינו משוקעים מאד בתועבות, לעבוד את המזל שהכל בדרך הטבע, לכן הביאנו אל המדבר אשר אין זרע ויבול ומים אין לשתות, ונתן לנו את המן לחם מן השמים בכל יום ויום דוקא, ולא על חודש ושבוע בפעם אחד, בכדי שנרגיל את עצמינו במדת האמונה והבטחון.

וכן עינינו רואות, כי רבות מחשבות בלב איש, ועל פי הרוב באותו עסק שאדם סובר להרויח לא יעשיר ולא יקום, והשי"ת מפרנסהו ומזמין לו פרנסה ממקום אחר, באופן שלא עלה בדעתו כלל. ובאמת הדבר קשה כיון שעכ"פ השי"ת נותן לאדם אכלו בעתו, מה איכפת לו ולמה לא יתן לו באותו עסק שאדם מחפש אחריו וסומך עליו, ולמה יעציבו שלא תתקיים מחשבתו. אמנם טעם הדבר נראה לי, כדי שיהי' בעל בטחון ולא יאמר כחי ועוצם ידי עשה לי וכו'.

אָט דאָס איז טייטש "רשעים מלאים חרטות". **ווייל אַ איד וואָס גלייבט און פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת באמת ובתמים טראַכט אַנדערש!**

ווען ער האָט 'יאָ' אַן הצלחה ווייסט ער אַז דאָס האָט נישט מיט אים, מען טוט וואָס מ'דאַרף טון און די הצלחה קומט פון דעם אויבערשטן. און דאָס זעלבע ווען ער האָט 'נישט' קיין הצלחה, האָט ער נישט דאָס מינדסטע 'חרטה' אַז ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם געשעפט! די איינציגע 'חרטה' וואָס ער האָט איז פאַרוואָס ער האָט נישט געהאַט גענוג בטחון, אָבער נישט פון די חרטה רעדט מען... **דער ערליכער איד האָט נישט קיין חרטה אויף דער השתדלות וואָס ער האָט געמאַכט!** פאַרקערט ער איז דאַנקבאַר אַז השי"ת האָט אים געגעבן אַזאַ מתנה כדי דער מענטש זאל כאַפּן אַז זיין 'השתדלות' האָט נישט קיין שייכות מיט די 'תוצאות'!

והבא לטהר מסייעין אותו! ווער עס וויל גוט זיך מתבונן זיין וועט ער זען ווי די צוויי זאַכן האָבן נישט קיין שייכות און ער וועט טאַקע קענען לעבן אַ חיים פון אמת'ע 'מנוחת הנפש'.

ד

# לאוקמי גירסא סייעתא מן שמיא היא; הצלחה אין 'רוחניות' איז אויך נישט תלוי אין אונזערע פעולות

## ביי רוחניות איז נאָך מער מצוי דער טעות

וויפיל דער טעות מאַכט זיך ביי מענטשן - צו מקשר זיין די 'פּעולות' צו די 'השתדלות' - ביי עניני גשמיות, איז דאָס אָבער נאָך פילפאַכיג מער שכיח ווען ס'קומט צו עניני רוחניות.

ביי גשמיות איז כאָטש דאָ די ידיעה אַז די צוויי זאַכן האָבן נישט קיין שייכות. מ'זעט דאָך בחוש ווען מ'קוקט זיך אַרום אַז אַסאַך מענטשן זענען נתעשר געוואָרן טראָצדעם וואָס זיי האָבן גאָרנישט געטון עפּעס ספּעציעל דערצו, און אַסאַך מענטשן האָבן שווער געאַרבעט אָבער זיי זענען דורכגעפאַלן איינמאָל און נאָכאַמאָל, אָבער ביי רוחניות איז פיל שווערער צו זען דעם אמת.

## מחשבה מועלת לדברי תורה

לעצטנס האָט אַ איד געפרעגט: וויאַזוי קען מען זאָגן אַז מ'טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף 'השתדלות' בעניני רוחניות, ס'איז דאָך ידוע אַז ווען ס'קומט צו רוחניות איז מען מחויב צו מאַכן אַלע השתדלות ביז מען קומט אָן?! לאָמיר דעריבער אַביסל אויסשמועסן די זאַך:

אין מסכת סנהדרין (כו, ב) זאָגט די גמרא: "**מחשבה מועלת אפילו לדברי תורה, שנאמר מפיר מחשבות ערומים ולא תעשינה ידיהם תושיה**". - דער רבוש"ע צעשטערט די מחשבות פון קלוגע מענטשן און אַלעס וואָס זיי פּרובירן טון מיט די הענט זענען זיי נישט מצליח, און די גמרא זאָגט אַז דאָס גייט אַרויף 'אפילו לדברי תורה'.

וואָס איז טייטש די ווערטער 'מחשבה מועלת לדברי תורה'?! זאָגט דאָרט רש"י אויפ'ן פּלאַץ: **מחשבה שאדם מחשב כך וכך אעשה, כך וכך תעלה בידי, מועלת להשבית הדבר, שאין מחשבתו מתקיימת אפילו לדבר תורה, כגון האומר עד יום פלוני אסיים כך וכך מסכתות בגירסא**". - די מחשבה וואָס אַ מענטש טראַכט, כ'וועל טון אַזוי און אַזוי, דאָס מאַכט אַז די זאַך זאל קאַליע ווערן און די מחשבה זאָל נישט אויסגעפירט ווערן. אפילו ווען איינער זאָגט 'ביז דעמאָלט וועל איך לערנען אַזויפיל און אָנקומען אַזויפיל מסכתות', וועט ער דאָס נישט קענען אויספירן. ווייל אויב מען איז בוטח אין די אייגענע פּלענער וועט דער אויבערשטער מאַכן אַז דאָס זאָל נישט האָבן קיין הצלחה.

## אויך ביי תורה ותפלה זענען די 'פּעולות' גאָרנישט פאַרבינדן מיט די 'תוצאות'

די רש"י דאַרף מען אַסאַך חזר'ן און מ'דאַרף געדענקן אַז ווען אַ מענטש איז מקשר די 'תוצאות' פון אַ רוחניות'דיגע זאַך צו די 'השתדלות' וואָס ער האָט געטון, מאַכט ער דעם זעלבן טעות ממש אַזויווי ער וואָלט דאָס געטון ביי גשמיות.

דאָס זעט מען קלאָר אין דער **גמרא** אין מסכת נדה (ע,ב), וואו חז"ל זאָגן: "**מה יעשה אדם ויעשיר?! יעסוק בסחורה**", פרעגט די גמרא: "**הרבה עשו כן ולא הועילו**", קומט די גמרא צו אַז די אמת'ע עצה איז:"**יבקש רחמים ממי שהעושר שלו**".

דאָרט זאָגט די גמרא ממש די זעלבע ווערטער לגבי תורה: "**מה יעשה אדם ויחכים?! ירבה בישיבה! הרבה עשו כן ולא הועיל להם**", נאר דער אמת'ער תירוץ איז: "**יבקש רחמים ממי שהחכמה שלו**".

דאָס איז דער סיסטעם וואָס השי"ת האָט אויסגעשטעלט אין דער בריאה אַז **די 'תוצאות' קען נאר קומען נאָכדעם וואָס דער מענטש איז זיך מבטל צום אויבערשטן!**

## דורך ביטול להשי"ת קומט אַראָפּ אַ שפע

דאָס האָט אפילו אַן עומק 'על פי קבלה', ווי עס ווערט געברענגט אין **ספרים הק'** אַז די נשמה פון אַ איד קומט משורש פון דעם שם אדנ"י, וואָס ווערט אָנגערופן 'שכינה', און ווען אַ איד איז זיך מבטל צום אויבערשטן ווערט דערפון אַ **'יחוד קודשא ברוך הוא ושכינתיה'**, וואָס דאָס ברענגט אַראָפּ אַ געוואַלדיגע שפע פאר דער בריאה.

ווען אַ איד איז זיך מבטל צום אויבערשטן פּאַסירט אָט דער 'יחוד', דאָס מאַכט אַ 'תיקון' און דאָס איז ממשיך די 'תוצאות' מיט אַ שפע אויף דער וועלט. אָבער אויב דער מענטש איז מקשר צווישן זיינע 'פּעולות' מיט די 'תוצאה' האָט ער יעצט מגלה דעת געווען אַז ער איז זיך נישט מבטל פאַר'ן אויבערשטן, קען דאָך נישט קומען קיין שפע! אפילו ברוחניות קען דאָס נישט אַרבעטן, ווי חז"ל זאָגן 'מחשבה מועלת אפילו לדברי תורה'.

דערפאַר איז אַן ערליכער איד קיינמאָל נישט מקשר צווישן זיינע 'פּעולות' צו די 'תוצאות', אפילו ברוחניות! ער טוט וואָס ער דאַרף טון, אָבער ער פאַרלאָזט זיך פולקאָם אַז דאָס איבריגע וועט פּאַסירן בלויז אויב השי"ת וועט אים העלפן.

## זיך לאָזן פירן דורך דעם אויבערשטן

עס שטייט אין ספה"ק **בית אהרן** אַז אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט פאַר הרה"ק רבי **שלמה קאַרלינער** זי"ע אַז מאָרגן וויל ער עסן אַ סעודה ביי אים, האָט אים רבי שלמה קאַרלינער זי"ע געזאָגט: "איך ווייס דאָך נישט צי איך וועל אויפשטיין מאָרגן, איך גיי דאָך ליינען קריאת שמע און זיך מוסר נפש, אפשר וועט דער אויבערשטער מיך העלפן מקיים זיין מיין רצון און כ'וועל זיך טאַקע קענען מוסר נפש זיין".

דער 'בעל בטחון' האָט נישט קיין מושג וואָס גייט זיין מאָרגן. וויאַזוי דער רבוש"ע גייט אים פירן וועט מען דעמאָלט זען וואָס צו טון. ער זעצט זיך לערנען ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן, **און ער האָט האָפט אַז דער אויבערשטער זאָל אים טאַקע העלפן צו קונה זיין תורה.** ווען ער זעט אַז השי"ת האָט אים געהאָלפן מיט סייעתא דשמיא, גייט ער אַ טריט ווייטער און ער איז טאַקע מצליח.

מ'קען דאָס נאָכקוקן און זען אַז געווענליך ווען מענטשן האָבן געמאַכט פּלענער 'בדברי תורה', אַז זיי גייען אָנקומען אַזויפיל און אַזויפיל, **איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.** אפילו ווען איינער האָט שוין יאָ מצליח געווען מיט אַן 'הצלחה מדומה' האָט דאָס אָבער נישט געהאַט קיין קיום.

## 'געדענקן תורה' איז בלויז מיט 'סייעתא דשמיא'

אַזוי זאָגט די גמרא אין מסכת מגילה (ו, ב) **יגעתי ומצאתי תאמין, הני מילי בדברי תורה, ולדברי תורה נמי לא אמרן אלא לחידודי אבל לאוקמי גירסא סייעתא מן שמיא היא.**

דאָס הייסט אַז אין דעם עולם העשי' האָט דער רבוש"ע געגעבן דעם כח אַז דער מענטש קען טון פּעולות, און עס קען אפילו אויסקוקן ווי ער איז אָנגעקומען צו אַ ציל. אָבער 'לאוקמי גירסא', וואָס דאָס איז שוין אַן אמת'ע תוצאה, אַז ס'זאָל בלייבן ביי דיר די תורה, **דעמאָלט דאַרף מען האָבן בלויז 'סייעתא דשמיא'!** ווי **רש"י** זאָגט דאָרט אויפ'ן פּלאַץ: **"לאוקמי גירסא - שלא תשתכח ממנו, סייעתא דשמיא - ויש יגע ואינו מוצא".**

## האסט טאַקע מצליח געווען אָבער ביזט געבליבן אינדערהיים...

דאָס איז ווי איינער וואָס אינוועסטירט געלט און ענערגיע צו קענען זיין דער פירער פון אַ פירמע, ענדליך האָט ער דערגרייכט זיין ציל, און נאָך אַ קורצע צייט איז די גאַנצע פירמע בטל געוואָרן. **קענסט בלייבן דער פירער געזונטערהייט, אָבער ביי דיר אין שטוב.**

דאָס זעלבע אַרבעט עס ביים לערנען: היות מיר לעבן אין דעם 'עולם העשיה' גיט דער אויבערשטער דעם כח אַז דער מענטש קען זאָגן די ווערטער פון תורה און אפילו אָנקומען צו געוויסע הצלחות, **אָבער 'לאוקמי גירסא', ווען ס'קומט צו די ריכטיגע תוצאה, אַז ס'זאָל בלייבן ביים מענטש די תורה, אויף דעם דאַרף מען שוין האָבן בלויז 'סייעתא דשמיא'!** עס העלפט שוין גאָרנישט קיין פּעולות פון דעם עולם העשי'. ווייל 'תוצאות' האָט שוין נישט מיט אונזער השתדלות, דאָס קומט בלויז פון אַ העכערע פּלאַץ און מיר קענען גאָרנישט טון דערצו.

## אָנקומען צו אַן אמת'ן תכלית קען מען נישט מיט די אייגענע פּעולות

דער רבוש"ע לאָזט דיך שלעפּן אַ טיש וואָס בדרך הטבע וועט עס טאַקע אָנקומען דאָרט וואו דו האסט געוואָלט, אָבער דערנאָך וועסטו זען אַז די גאַנצע סיבה פאַרוואָס דו האסט געשלעפּט דעם טיש האָט זיך נישט אויסגעאַרבעט, דער טיש האָט זיך צעבראָכן, און ביזט אַראָפּגעפאַלן מיט'ן טיש אינאיינעם... האָסט טאַקע מצליח געווען עס צו שלעפּן ביז דאָ, אָבער האסט נישט געהאַט דערפון קיין שום תוצאות.

אויך ביים לערנען אַרבעט עס אויף דעם וועג, דער מענטש איז שוין טאַקע אָנגעקומען צו אַ געוויסן ציל, ער האָט זיך אפילו פאַרהערט און ער האָט דערגרייכט, **אָבער אויב האט ער זיך נישט גע'חזר'ט אַגאַנצע צייט אין זיין מח אַז "תוצאות האָט גאָרנישט מיט מיר", דעמאָלט וועט ער זיך טאַקע פאַרהערן, און ער וועט טאַקע זיין אַ מציון, אָבער אַלעס וועט בלייבן ביי אים אין שטוב...** ס'איז גאָרנישט געוואָרן דערמיט!

ווידער, דער אַנדערער 'לא יוצלח' וואָס קיינער האָט נישט געגלייבט אַז ס'וועט עפּעס ווערן פון אים, ער שטייגט מעלה מעלה און ער איז מרביץ תורה פאר תלמידים, **ווייל ער האָט געלערנט מיט אַ ביטול צום רבוש"ע.**

קוקט עס נאָך וועט איר זען, אַז **ווען אַ מענטש מאַכט אייגענע פּלענער פון 'כוחי ועוצם ידי', אפילו ביים לערנען תורה, העלפט דאָס אַז זיינע פּלענער זאָלן זיך נישט אויסאַרבעטן!** אַזאַ מענטש איז אויך אַלעמאָל טרוד, ער האָט נישט קיין 'ישוב הדעת', צוליב זיינע פּלענער.

**ווען אַ מענטש זעט אַז זיין ביזנעס פּלאַן איז דורכגעפאַלן זאָל ער כאַפּן די געלעגנהייט!**

## די ריכטיגע וועג פון תפלה ברענגט אונז דאָס גרעסטע תענוג

ביי תפלה איז די זעלבע זאַך. אויב אַ מענטש נוצט די תפלה אַלס אַ 'כלי' צו אָנקומען צו דער 'תוצאה' ווערט ער 'טרוד' דורכדעם, ער האָט נישט קיין מנוחת הנפש און דאָס מאַכט אַז די זאַך זאָל נישט צושטאַנד קומען!

ס'איז אַן איידעלע נקודה וואָס מיר דאַרפן כאַפּן, אַז מיר דאַווענען וויבאַלד דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז מ'זאָל אים בעטן און מ'זאָל גלייבן אַז ער קען אונז העלפן דורך סיי וועלכע סיבה אויף דער וועלט. **אַזאַ תפלה ברענגט אַ תענוג פאַר'ן מענטש!** אויב נאָכ'ן דאַווענען גייט מען אַוועק צעבראָכן האָט מען נישט געדאַווענט ריכטיג, ווייל תפלה דאַרף געבן אַ תענוג.

מיר דאַרפן זיך מרגיל זיין וויאַזוי צו דאַווענען ריכטיג, אפילו ווען מען געפינט זיך אין אַן עת צרה. נאָכ'ן זאָגן תהלים דאַרף מען שפּירן אַן אויסגעוואַשענער, מ'דאַרף האָבן די הרגשה אַז דער רבוש"ע האָט מיך אויסגעהערט, **דאָס אליינס איז מיין גרעסטע 'תוצאה'.** דער 'בעל בטחון' דאַווענט קיינמאָל נישט אַז די תוצאה זאָל קומען פונקט דאָס וואָס ער געוואָלט און פונקט די מינוט ווען ער האָט געוואָלט.

זיין תפלה גייט צו אויף אַן אופן אַז ער רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, ער שפּירט אַז דער רבוש"ע הערט אים אויס און ער גייט אים זיכער העלפן, אפילו **אויב ס'וועט נישט געענדי' אויף דעם אופן וואָס ער האָט געוואָלט.** דאָס גיט פאַר'ן מענטש אַזאַ תענוג, נישט ווייל די תפלה האָט געברענגט די תוצאה, נאר פון אַסאַך אַ העכערע פּלאַץ!

## אם תעזבני יום יומיים אעזבך; חזר'ן יעדן טאָג מחשבות פון בטחון

ווען מ'לערנט אַזעלכע יסודות דאַרף מען געדענקן אַז דער עיקר איז זיך צו מרגיל זיין מיט די סאָרט מחשבות, אַז נישט בלייבט מען נישט דערמיט.

ס'איז באַקאַנט דער **מאמר חז"ל** (געברענגט אין **רש"י** פּרשת עקב, יא, יג): "אם תעזבינו יום, יומיים אעזבך". דאָס איז אַ משל אַז ווען דער מענטש גייט אַוועק איין טאָג פון דער תורה, דערווייטערט זיך אויך די תורה פון אים מיט אַ טאָג, איז ער שוין יעצט צוויי טעג ווייט. אויב גייט ער אַוועק צוויי טעג, דערווייטערט זיך אויך די תורה מיט צוויי טעג, ווערט דער מענטש פיר טעג דערווייטערט, א.א.וו.

מיר זאָגן אַלעמאָל איבער דעם 'משל' אָבער מ'דאַרף אויך כאַפּן דעם 'נמשל', אַז דאָס אַרבעט בפּועל ממש!

למשל ווען עס קומט צו דעם ענין פון 'בטחון': אויב דער מענטש איז זיך מרגיל צו טראַכטן ריכטיג וועט ער ווערן נאָענט מיט דער תורה, אָבער אויב ס'איז 'תעזבנו יום', ער האָט איין טאָג נישט געטראַכט ריכטיג, ער האָט איין טאָג נישט גע'חזר'ט די יסודות פון בטחון, **איז ער יעצט צוריק געגאַנגען מיט צוויי טאָג!**

דער מענטש האָט יעצט באַקומען אַ 'הרגל לרע', ווייל ער האָט מבטל געווען וואָס ער האָט נעכטן קונה געווען, מיט אַ נישט ריכטיגע מחשבה פון היינט. **יעצט דאַרפסטו אָנהויבן פון אָנהויב!** דו שפּירסט שוין נישט דעם אמת ווייל דו האָסט זיך מרגיל געווען מיט'ן שקר.

## אויב מען לאָזט אויס איין טאָג פאַלט מען צוריק צו די אַלע געוואוינהייטן

אַ קלוגער איד האָט אַמאָל געזאָגט אַז אין **'קיצור**

**שלחן ערוך'** (סימן א' סעיף ד) שטייט אַז אויב אַ מענטש איז זיך מרגיל צו אויפשטיין צייטליך בזריזות במשך 4-5 טעג וועט עס אים שוין נישט אָנקומען שווער. ער וועט אַלעמאָל קענען פרי אויפשטיין זייער לייכט.

ווען מענטשן זען דעם שטיקל 'קיצור שלחן ערוך', טראַכטן זיי 'דאָס איז די גאַנצע מעשה? בלויז 4-5 טעג אויפשטיין צייטליך און נאָכדעם בין איך מסודר פאַר'ן לעבן?!". דער אמת איז אָבער אַז ס'איז נישט אַזוי לייכט, ווייל נאָך 4-5 טעג ווערט מען טאַקע מורגל צו אויפשטיין צייטליך, אָבער אויב דער מענטש שטייט אויף שפּעט איין טאָג האָט ער יעצט אויסגעמעקט די גאַנצע ביז יעצטיגע געוואוינהייט... ער דאַרף יעצט נאָכאַמאָל אָנהויבן 4-5 טעג זיך מרגיל זיין.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?! ווייל בעצם האָט דאָך דער מענטש אַ שלעכטע הרגל פון אַלע יאָרן צו אויפשטיין שפּעט. מ'קען זיך טאַקע מרגיל זיין צו טוישן דעם אַלטן געוואוינהייט און אָנהויבן מאַכן אַ נייע איינפיר פון אויפשטיין צייטליך, אָבער **איינמאָל מען שטייט אויף שפּעט ווערט יעצט 'חוזר וניעור' די גאַנצע אַלטע הרגל!** וויפיל לענגער ס'איז געווען די אַלטע הרגל, אַזויפיל שטאַרקער קומט עס צוריק, אפילו נאָך איינמאָל וואָס מ'איז דורכגעפאַלן! אַזוי אַרבעט דער סדר הבריאה - אם תעזבנו יום יומיים אעזבך!

## נישט אַרויסלאָזן קיין טאָג פון לעבן מיט אמונה

דאָס זעלבע זאַך איז מיט די מחשבות פון בטחון: מיר האָבן דאך אַזאַ שטאַרקע געוואוינהייט פון נישט ריכטיגע מחשבות וואָס לויפט אין אונזער קאָפּ במשך אַלע יאָרן, דעריבער ווען אַ מענטש הייבט זיך אָן מרגיל זיין צו טראַכטן אמת'דיג, **דאַרף ער דאָס חזר'ן אַלעמאָל!** ווייל אויב לאָזט ער נאָך די מחשבות פון אמונה און ער טראַכט אפילו איינמאָל דאָס פאַרקערטע, **וועקט זיך אויף ביי אים די אַלטע הרגל און ער גייט אויף צוריק.**

## די הבטחת התורה; אשרי כל חוסי בו

מען דאַרף כסדר לעבן מיט די אמת'ע מחשבות פון אמונה און דעמאָלט וועט מען זוכה זיין צו אַ ריכטיגע 'מנוחת הלב' מיט אַ געוואַלדיגע רואיגקייט.

דאָס איז אַן הבטחה פון דער תורה הק' און מ'קען דאָס זען קלאָר, **ס'איז פאַרהאַן הונדערטער אידן וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט, וועלכע לעבן מיט'ן חובת הלבבות, און זיי האָבן אַ גליקליכע רואיגע חיים טובים!** טראָצדעם וואָס זיי האָבן משפּחות מיט קינדער, זיי מאַכן חתונה כסדר, און זיי האָבן אויך אַלע ערליי טרדות וואָס פּאַסירן, **אָבער זייער לעבן איז אַ חיים פון 'מנוחת הנפש'.**

די אידן קענען זיין פאַרנומען מיט עסקנות, צו העלפן אַנדערע אידן, זיי קענען זיין פאַרנומען מיט געלט זאַכן פאר די משפּחה, **אָבער די אַלע זאַכן זענען זיי נישט מטריד!** דאָס איז ווייל זיי ווייסן קלאָר אַז מ'דאַרף טון דאָס ריכטיגע און די תוצאות קומט סייווי נאר פון השי"ת. אַז מען לעבט מיט אַזאַ סאָרט מהלך העלפט זיי טאַקע דער רבוש"ע אויף יעדן טריט און שריט!

# אור החיים הק'

## נאמן לשלם שכר טוב;

די דריי סיבות פאַרוואָס צומאָל פאַרזוימט זיך אַ ישועה

ליל שישי פרשת וארא תשפ"ב

א

# ויאמר אליו אני ה'; די תשובה אויף אַלע שאלות און קשיות

## די שאלה וואָס וואַרט אַגאַנצע וואָך

מען זעט די וואך אַן אינטערעסאַנטע זאַך אַז די סוף 'פּרשת שמות' און דער אָנהויב פון 'פּרשת וארא' זענען צעטיילט צווישן אַ 'שאלה ותשובה'.

די פּרשה פון 'שמות' ענדיגט זיך וויאַזוי משה רבינו פרעגט דעם אויבערשטן: "למה הרעתה לעם הזה?!". משה רבינו דערציילט אַז זינט השי"ת האָט אים געשיקט צו פּרעה איז דער מצב געוואָרן אַסאַך מער אָנגעשטרענגט, דער עולם אַרבעט ביטער שווער. משה רבינו וואונדערט זיך וואָס גייט דאָ פאָר?!

און אַזוי ענדיגט זיך די פּרשה מיט אַ קשיא, גוט שבת גוט שבת... אַצינד וואַרט מען ביז די קומענדיגע וואָך צו זען די תשובה פון השי"ת צו משה רבינו. דאָס איז דאך אַ פּלאַ'דיגע זאַך, אַנדערש ווי געווענליכע פּרשיות וואָס זענען אויסגעשטעלט מיט אַ סדר.

## צוויי פּרשיות; פון 'גלות' צו 'גאולה'

אָבער אַז מען איז זיך מתבונן אַביסל אין די ערשטע עטליכע פּסוקים פון פּרשת וארא זעט מען אַ געוואַלדיגע תשובה אין די הייליגע ווערטער פון רש"י.

די תשובה איז אַזוי: **'גלות' איז 'פּרשת שמות' און 'גאולה' איז 'פּרשת וארא'!**

אין פּרשת שמות, אין 'גלות', הייבט זיך שוין אן אַביסל דער ענין פון 'גאולה'. דער אויבערשטער רופט משה רבינו און שיקט אים צו פּרעה, אָבער מען זעט נאָך גאָרנישט וואָס האָט פּאַסירט. אין מציאות האָט זיך נאָך גאָרנישט געטוישט, ס'איז נאָך ערגער געוואָרן די גזירות פון פּרעה. באמת האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער 'סדר הגאולה' אָבער מען זעט עס נאָכנישט, דער הסתר ווערט גרעסער און שטאַרקער, ווייל **אַזוי אַרבעט דער סדר:** ווען דער גלות גייט זיך שוין ענדיגן, **דעמאָלט ווערט דער הסתר שטאַרקער.** איידער עס ווערט ליכטיג, איז זיך מתגבר דער חושך.

דערפאַר ווערט נאָך 'פּרשת שמות' אָנגערופן 'גלות', ווייל ווילאַנג ס'איז דאָ אַ הסתר איז דאָס אַ גלות. אָבער דערנאָך קומט די נייע פּרשה פון 'וארא' וואָס דעמאָלט זאָגט דער אויבערשטער פאר משה רבינו: "קום, כ'וועל דיך מסביר זיין וואָס איז געשען דאָ".

## אַ 'תשובה' אויף אַלע סאָרט 'חשכות' און פּראָבלעמען

אַלע מפרשים, **רש"י**, דער **רמב"ן**, דער **אור החיים הק'**, און אַזוי ווייטער, זענען מבאר וואָס איז געווען די תשובה דאָ, אָבער אַלענפאַלס, **אין דער רגע וואָס דער אויבערשטער איז שוין מסביר וואָס עס פּאַסירט דאָ, דעמאָלט איז שוין 'גאולה'!** ס'איז שוין נישט אַזוי טונקל, ווייל מ'האָט שוין אַ דערהער און אַ ליכטיגקייט צו פאַרשטיין וואָס עס קומט פאָר.

אין די ערשטע פּסוקים פון אונזער פּרשה איז דאָ אַ תירוץ, **וואָס דער תירוץ קען אַזוי שטאַרק ליכטיג מאַכן אַלע טונקעלע מצבים.** די תשובה פון השי"ת איז נישט בלויז געווען שייך פאר 'גלות מצרים', נאר דאָ שטייט אין די פּסוקים גרויסע סודות וואָס דער רבוש"ע גיט אַ הסבר פאר אַלע אַזעלכע מצבים, **יעדעס מאָל וואָס אַ איד גייט אַריבער אַ מצב פון גלות און טונקלקייט, שטייט דאָ אַ תירוץ אויף אַלע זיינע שוועריגקייטן** און מ'דאַרף דאָס גוט אָפּלערנען.

## פאַרוואָס פאַרזוימט זיך די ישועה אין דער לעצטער מינוט?!

איידער מען גייט צו לערנען דעם **אור החיים הק'** אויף די פּסוקים, לאָמיר זען וויאַזוי דאָס ווערט אָפּגעלערנט דורך רש"י מיט דעם רמב"ן, וואָס לויט דעם וועט מען בעסער פאַרשטיין די ווערטער פונעם אוה"ח הק'.

ווי דערמאַנט זענען די פּסוקים אָנהויב פּרשה זייער אַ גרויסער לימוד פאר יעדן איד וואָס גייט אַריבער שוועריגקייטן.

דער מענטש האָט שוין געהאַט אַ גלות, ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן. דער רבוש"ע האָט אים שוין געזאָגט אַז ער וועט אים אַרויסנעמען פון גלות, אָבער למעשה זעט דער מענטש ווי ס'ווערט נאר ערגער! **ער האָט שוין געדאַווענט, ער האָט שוין אויסגעזאָגט תהלים, ער האָט שוין געשפּירט אַ געהאָלפענער,** ער איז שוין געווען בשמחה זייענדיג זיכער מיט דער ישועה, אָבער יעצט זעט ער איין זאַך: **אַז דער מצב ווערט בלויז ערגער.**

## וואָס איז די תשובה דערצו?!

אָט די שאלה האָט משה רבינו געפרעגט פון דעם אויבערשטן, און דער רבוש"ע גיט אונז אן ענטפער דערויף אין די ערשטע עטליכע פּסוקים פון 'פּרשת וארא'. דאָ שטייט אַן ענטפער אויף די שוועריגקייט,

וואָס מ'דאַרף דאָס גוט אָפּלערנען, לויט די הייליגע ווערטער פון די מפרשי התורה.

### די נצחיות'דיגע תירוץ פון 'נאמן לשלם שכר טוב למתהלכים לפני'

די ערשטע זאַך וואָס דער אויבערשטער ענטפערט איז: "**וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני השם**'. אין דעם פּסוק זעלבסט ליגט שוין אַ גרויסע חלק פון דער ענטפער! אני ה' - דאָס איז די תשובה!

אין די קומענדיגע פּסוקים זאָגט דער אויבערשטער אַז איך האָב זיך באַוויזן צו די אבות הק' און כ'האָב זיי מבטיח געווען מיט אַ 'ברית' זיי צו געבן דאָס לאַנד ארץ ישראל. דערפאַר גיי זאָג פאַר אידישע קינדער אַז וועל זיי אויסלייזן, זיי נישט פאַר'דאגה'ט!

רש"י איז מסביר אַז די אָנהויב פון דער תשובה זענען די ווערטער "אני הוי"ה". **ווער עס פאַרשטייט דאָס מציאות פון דעם שם הוי' פאַרשטייט גוט די תשובה פון דעם רבוש"ע.** דער אויבערשטער זאָגט פאר משה רבינו: "איך בין מקיים מיינע הבטחות"! יעדעס מאָל וואָס דער אויבערשטער זאָגט "אני הוי"ה" מיינט דאָס די זאַך, אַז ער איז באַגלייבט צו מקיים זיין זיינע הבטחות. - "אני ה' - נאמן לשלם שכר טוב למתהלכים לפני".

רש"י ברענגט דערויף עטליכע ראיות אַז אפילו עס שטייט בלויז די ווערטער 'אני הוי"ה' איז די הבנה דערפון אַז "איך בין באַגלייבט צו מקיים זיין מיינע הבטחות וואָס איך האָב צוגעזאָגט".

###ביים אויבערשטן שפּילט נישט 'צייט' קיין ראָלע

איינס פון די הסברים דאָס צו פאַרשטיין בעסער, שטייט אין די מפרשים, אַז דער שם הוי' איז מרמז אַז דער אויבערשטער איז **'היה הוה ויהיה'**.

ווען אַ מענטש זעט אַז ס'איז שוין אַריבער אַסאַך צייט און ער איז נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן, שפּירט ער: "וואו איז די הבטחה פון השי"ת? וואָס איז געשען אַז כ'בין נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן?", אָבער דער אויבערשטער זאָגט: **אני הוי"ה!** דו קוקסט לויט דיינע יאָרן, ס'איז שוין אַריבער צוויי יאָר, ס'איז שוין אַריבער דריי יאָר, אָבער איך, דער רבוש"ע, בין דאך 'היה הוה ויהיה'! און אויב איך האָב צוגעזאָגט וועט דאָס נתקיים ווערן הונדערט פּראָצענט! דאָס אַז עס געדויערט לאַנג איז בכלל נישט קיין סתירה דערצו!

ווען אַ 'נברא', אַ בשר ודם, זאָגט פאר אַ צווייטן אַז ער גייט אים באַצאָלן אַ חוב, און ס'גייט דורך אַ לאַנגע צייט וואָס יענער באַצאָלט נישט, הייבט מען אָן זיך מסתפק זיין אויב ער וועט נאָך אַמאָל מקיים זיין די הבטחה. **אָבער ביים רבוש"ע איז נישטאָ קיין שום סיבה זיך צו מסתפק זיין**, ווייל דער באַגריף פון 'זמן' איז בכלל נישט קיין נושא ביי אים. ער איז 'היה הוה ויהיה'.

דאָס איז די ערשטע תשובה. דער אויבערשטער זאָגט פאר משה רבינו: **אַז איך האָב אַזוי געזאָגט פאַר די אבות הק' וועל איך דאָס מקיים זיין, ווייל איך בין אַ 'נאמן לשלם שכר טוב'. איך נעם אחריות אַז אַזוי וועט דאָס זיין!**

### ס'איז דאָ צוויי סאָרט הנהגות אין דער בריאה

יעצט, לגבי די אַנדערע שאלה, פאַרוואָס איז דער מצב געוואָרן ערגער?! פאַרוואָס זעט מען נאָכנישט קיין שום ישועה?! איז דער **רמב"ן** מסביר די כוונה פון די פּסוקים, וואָס דער אויבערשטער ענטפערט פאר משה רבינו, אַז ס'איז דאָ פאַרשידענע סאָרט הנהגות וויאַזוי השי"ת פירט די בריאה. ס'איז דאָ אַן 'הנהגה' פון דעם שם **'ש-די'**, וואָס דאָס איז געווען ביז יעצט, אָבער יעצט גייט זיך אָנהויבן די 'הנהגה' פון דעם שם **'הוי"ה'** וואָס מיט די הנהגה מאַכט השי"ת נסים און ער וועט באַפרייען אידן פון גלות.

ביז יעצט איז נאָכנישט געווען די צייט אַז ס'זאָל נתגלה ווערן די הנהגה פון שם 'הוי"ה'! **וואָס דו האסט געזען ביז יעצט איז וויבאַלד ס'איז געווען איין סאָרט הנהגה**, אָבער יעצט קומט שוין די נייע הנהגה פון 'רחמים' און 'נסים'.

דאָס איז טייטש "**וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני השם**" - איך האָב נאָך אַן אַנדערע וועג וויאַזוי איך פיר די וועלט! ביז יעצט איז געווען אַ מצב פון 'גלות', דערפאַר האָט זיך געפאָדערט אַ געוויסע הנהגה פון דעם שם 'ש-די', **אָבער אין דער מינוט וואָס גייט זיך עפענען די מצב פון 'גאולה' גייט זיך אָנהויבן אַ נייע הנהגה פון דעם שם 'הוי"ה'**".

ס'איז נישט קיין שום סתירה און קשיא אַז ביז יעצט איז אַלעס געווען אַזוי טונקל מיט אַן 'הסתרה', ווייל אַזוי האָט טאַקע געדאַרפט זיין לויט יענע הנהגה, אָבער יעצט הייבט זיך אָן די נייע הנהגה פון רחמים און נסים גלויים.

### דער 'בעל תשובה' וואָס איז צעמישט פון אונזערע הנהגות

דאָס איז פּונקט ווי אַ 'בעל תשובה' אָדער אַ 'גר' קומט אָן צום ערשטן מאָל אָנהויב חודש תשרי. ווען ער באַטראַכט דאָס אידישע לעבן, און ער זעט אַז ס'איז דאָ אַ 'ראש השנה' מיט אַ 'יום הכיפּורים', פאַרשטייט ער אַז דאָס איז אידישקייט. די הנהגה פון דער תורה איז בלויז מיט אַ 'פּחד' און יראת ה'. שפּעטער קומט אַ סוכות, אַ שמחת בית השואבה, אַ שמחת תורה, און דער מענטש זעט פּלוצלינג אַ נייע סאָרט הנהגה פון 'שמחה' און אהבת ה'.

נאָכמער, אפילו אויב דער זעלבער מענטש וועט דאָ זיין בסך הכל די צוויי טעג פון 'הושענא רבא" און 'שמחת תורה', וועט ער זיך אויך וואונדערן: "**וואָס איז דאָס אידישקייט? יראה אָדער אהבה?**". די תשובה איז אָבער זייער פּשוט; **ס'איז דאָ אַ זמן וואָס די הנהגה פון עבודת ה' גייט אויף אַזאַ סאָרט וועג און ס'איז דאָ אַ זמן וואָס מען איז זיך מקשר צום רבוש"ע דורך אן אַנדערע סאָרט וועג!**

ס'איז דאָ צוויי גרויסע הנהגות פון 'דין' מיט 'רחמים'. איין מהלך וויאַזוי אידישע קינדער האָבן אַ קשר מיט'ן אויבערשטן בשעת מען געפינט זיך אין אַ מצב פון גלות, איז דורך 'הכנעה' און 'יראה'. דאַן איז דאָ נאָך אַ מהלך פון אַ געוואַלדיגע קשר ווען ס'איז ליכטיג, מען טאַנצט און מען דאַנקט. אידן דאַרפן האָבןביידע הנהגות, ווייל אויב מען האָט נישט קיין 'אהבה' אָדער 'יראה' פעלט פון דער שלימות אין עבודת ה'.

### נאָך די חשכות וועט קומען אַ געוואַלדיגע ליכטיגקייט

משה רבינו האָט געפרעגט: "אָבער אַזוי טונקל?", ענטפערט אים דער אויבערשטער: "יאָ! זייער טונקל. ווען ס'איז אַ זמן פון 'אמונתך בלילות' דעמאָלט איז גאָר טונקל מיט גרויסע שוועריגקייטן, אָבער איך בין דיך מבטיח אַז אין דער מינוט וואָס ס'גייט זיך אָנהויבן אַ נייע הנהגה וועט זיך אַלעס טוישן, ווען ס'וועט אָנקומען דער 'זמן פקודה' וועט ווערן ליכטיג!"

די ווערטער פונעם רמב"ן איז די זעלבע תשובה וואָס רש"י ברענגט, נאר שטאַרקער אַרויסגעברענגט. דאָס איז פּשט פון די פּסוקים "וארא אל אברהם וגו' בא-ל ש-די", דעמאָלט איז געווען די הנהגה פון 'ש-די', ס'איז געווען די זמן פון מבטיח זיין, אָבער מ'האָט נישט געקענט מקיים זיין די הבטחה, אַצינד גייט קומען די הנהגה פון 'הוי"ה' ווען ס'איז דער זמן פון מקיים זיין די הבטחות!

ב

## מפּי עליון לא תצא הרעות; פאַרוואָס די ישועה איז נאָכנישט אָנגעקומען

### אַלעס וואָס קומט פון הימל איז 'מלא חסד ורחמים'

דער **אור החיים הק'** זאָגט דאָ עטליכע פּשטים אויף די פּסוקים. ביים ערשטן פּשט איז ער מדייק אַז דער פּסוק הייבט זיך 'וידבר אלקים' וואָס איז מרמז אויף מדת הדין, און דערנאָך שטייט 'ויאמר אליו אני השם', וואָס איז מרמז אויף מדת הרחמים.

זאָגט דער אור החיים הק' אַז צוערשט האָט דער רבוש"ע גערעדט צו משה רבינו מיט אן אופן פון משפט 'וידבר אלקים': "**וויאַזוי קענסטו אפילו מיינען אַז איך האָב געטון אַ זאַך וואָס איז מדת הדין?! 'והלא אני השם' איך בין דאך מלא חסד ורחמים! טוב ה' לכל! ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך אַז דער אויבערשטער טוט נישט גוטס!**"

ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַן ענגשאַפט, ער שפּירט אַז דער רבוש"ע פּאַטשט אים חלילה, זאָגט דער אויבערשטער פאַר'ן מענטש: **וויאַזוי קענסטו אפילו האָבן אַזאַ הוא אמינא?! איך בין אַלעמאָל בלויז מטיב! אני ה'!**

איי, דאָס וואָס מ'זעט צומאָל אַז ס'איז יאָ דאָ דינים און שוועריגקייטן, זאָגט דער אור החיים הק' אַ באַקאַנטע כלל, וואָס ער חזר'ט אַסאַך מאָל, אַז באמת איז 'מפּי עליון לא תצא הרעות', פון דעם אויבערשטן קומט בלויז טוב. די ענינים פון 'רע' פּאַסירט דורכדעם וואָס מען זינדיגט חלילה, דער אוה"ח הק' איז מאריך מיט ראיות פון פּסוקים אויף דעם יסוד אַז די 'הסתרה' און די 'צער' קומט בלויז פון די אייגענע חטאים חלילה.

### די ערשטע הסבר; די עבירות זענען מעכב די ישועה

אַצינד איז דאך אָבער פאַרהאַן אַ קשיא: פאַרוואָס איז די צרה יעצט ערגער געוואָרן?! זאָגט דער אור

החיים הק׳ דריי הסברים, פאַרוואָס מען זעט אַמאָל אַז אַ איד האָט געדאַוונט און פונקט יעצט, ממש איידער די ישועה, איז דער פּראָבלעם געוואָרן פּילפאַכיג שווערער.

די ערשטע הסבר איז אַז צומאָל איז נאָך דאָ ביים מענטש אַן עבירה, וואָס די עבירה מאַכט דעם פּראָבלעם. דער אויבערשטער איז שוין מטיב. דער רבוש״ע האָט דיך שוין געברענגט די ישועה. אָבער די עבירה שטייט נאָך דאָרט און האַלט דאָס אָפּ פון אַראָפּקומען צו דיר.

## די צווייטע הסבר; די שוועריגקייט איז מקרב די ישועה

די צווייטע הסבר איז דאָס גופא איז אַ געוואַלדיגע טובה פון השי״ת, ווייל ווען דער אויבערשטער זעט אַז ס׳איז זייער שווער פאַר׳ן מענטש צו אויסהאַלטן די צרה, מאַכט ער אַז ס׳זאָל געדויערן שנעלער, דורכדעם וואָס די צרה ווערט ערגער, אַזוי קען דאָס שנעל אַריבערגיין און זיך ענדיגן.

דער הייליגער **חתם סופר** זי״ע זאָגט אַ געוואַלדיגע משל אויף דעם ענין:

אַ מענטש איז געקומען צום דאָקטער זיך באַקלאָגן אַז ער האָט אַ שווערע מכה וואָס מאַכט אים גרויסע יסורים. דער דאָקטער קוקט דאָס אַן און ער זאָגט אים: לויט ווי עס קוקט אויס גייסטו זיך מוטשן מיט דער מחלה פאר עטליכע יאָר, אָבער איך האָב אַן עצה, כ׳וועל דיך אַרויפלייגן אַ רפואה אויף די מכה. די רפואה וועט זייער שטאַרק ווי טון, דו וועסט שפּרינגען פאר יסורים, אָבער נאָך עטליכע טעג וועט די מחלה אַוועקגיין און וועסט ווערן אויסגעהיילט!

דער אור החיים הק׳ איז מסביר אַז דאָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט. דער אויבערשטער ענטפערט פאר משה רבינו: ״אודאי איז געוואָרן ערגער דער מצב, ווייל דו האסט דאָך געוואָלט אַז ס׳זאָל גיין שנעלער און דער גלות זאָל זיך שוין ענדיגן״.

דאָס איז נאָך אַ מהלך וואָס אַ איד דארף טראַכטן צו זיך, אויב נאָכ׳ן דאַווענען ווערט זיין פּראָבלעם ערגער, אַז באמת איז **דאָס גאר אַ טובה, כדי די ישועה זאל שוין אָנקומען גיכער!**

## די דריטע הסבר; מ׳גלייבט נאָכנישט גענוג שטאַרק

די דריטע הסבר, זאָגט דער אור החיים הק׳, אַז דאָס איז געקומען וויבאַלד ס׳האָט געפעלט פון די אמונה ביי אידישע קינדער. זיי האָבן נישט גענוג שטאַרק געגלייבט אַז זיי גייען געהאָלפן ווערן, ווי מ׳זעט אַז די ׳זקני בני ישראל׳ זענען אַוועקגעגאַנגען ווייל זיי האָבן נישט געגלייבט אַז ס׳גייט קומען אַ ישועה.

## כל עכבה לטובה; עס איז דאָ אַ סיבה פאַרוואָס די ישועה פאַרזוימט זיך

דער שטיקל אור החיים הק׳ איז אַ מורא׳דיגער אוצר, דאָ שטייט אַז יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש גייט

### ⬥ אותיות מחכימות ⬥

אור החיים הק׳ (וארא ו, ב)

וידבר אלקים, פירוש, דבר אתו משפט, ומה הוא המשפט? כי טענו טענה הנשמעת ואמר: אני ה׳, פירוש, איך אתה מייחס לי מדה רעה בר מינן, ותאמר אלי: למה הרעתה, והלא אני ה׳ ומדתי מדת החסד והרחמים וטוב אני לכל, וכמו שכן אמר הנביא (איכה, ג): מפי עליון לא תצא הרעות כי אם הטובות, ומה שאמר שם והטוב הוא על בחינת פרט טוב אחד שהוא להיות אדם צדיק לא יגזור ה׳ דבר כן אלא ביד כל אדם לבחור בטוב.

ותמצא שבכל פעם שיזכיר ה׳ זכרון תשלום הרע לעושי רשעה ידקדק לומר (ש״א, כד): כי מרשעים יצא רשע, וכן הוא אומר (ירמי׳, ב): תיסרך רעתך, (ישעי׳, סד), ותמוגגנו ביד עונינו (איוב, ח), וישלחם ביד פשעם מה שאין כן הטוב: (תהלים, פה) ה׳ יתן הטוב, (שם קמ״ה) טוב ה׳ לכל.

ומעתה, לו יהיה שעברה צרה על ישראל, מי יודע אם היו חייבין כן ועונם גרם או לצד הקודם - לתשלום גזירת העינוי, או לצד קצת מהם שלא האמינו כראוי וכדומה. והנך רואה כי הזקנים חזרו לאחוריהם ולא הלכו עם משה לפני פרעה, כאומרם ז״ל (שמו״ר פ״ה), והקפיד ה׳ עליהם באופן כי מהם יצא להם דבר זה, ואיך הוציא מפיו דברים נכרים לומר: למה הרעתה.

דורך סיי וועלכע שוועריגקייט און ער שפּירט אַז ער וואָלט שוין געדאַרפט געהאָלפן ווערן, צי ווייל ער האָט זיך גוט אויסגעדאַוונט, צי ווייל ער האָט באַקומען אַ ברכה אָדער אַן הבטחה פון אַן ערליכער איד, דער מענטש ווייסט קלאָר אַז ער האָט שוין געדאַרפט געהאָלפן ווערן אָבער למעשה האָט ער אַלעס געטון און די ישועה איז נאָכנישט געקומען.

זאָגט דער אור החיים הק׳ אַז מ׳דאַרף געדענקן אַז דער רבוש״ע גיט אונז בלויז טוב אַגאַנצן צייט, און די סיבה פון די צרה איז צוליב איינס פון די דריי זאַכן, אַסאַך מאָל קען זיין אַז ס׳איז צוליב צוויי פון די זאַכן, אָדער גאָר אַלע דריי צוזאַמען. דאָס איז די תשובה וואָס שטייט אין דעם ערשטן פּסוק פון דער פּרשת וארא!

## האַלט נישט אָפּ די שפע צוליב אן עבירה

עס קען זיין אַז די צרה איז געקומען צוליב עפּעס אן עבירה און ווילאַנג די עבירה ווערט נישט מסודר קען דער פּראָבלעם נישט אַוועקגיין אפילו ווען די תפלות האָבן שוין געהאָלפן און מען האָט שוין אויסגע׳פּועל׳ט אַ ישועה. דער מענטש זאָגט ׳פּרשת המן׳ יעדן טאָג און מען האָט אים געענטפערט פון הימל, מען וויל אים געבן פּרנסה ביד רחבה, ״אמרת ונושעת״, אָבער יעצט דאַרפסטו נאר אַוועקנעמען די עבירה וואָס האַלט אָפּ די שפע פון אַראָפּקומען.

דאָס איז איין זאַך וואָס מען דאַרף זיך אַלעמאָל בודק זיין: לאָז די שפע גיין, האַלט עס נישט אָפּ צוליב אן עבירה!

## ווען ס׳איז גאָר פינסטער איז דאָס מזרז די ליכטיגקייט

די צווייטע חשבון וואָס מ׳דאַרף אַלעמאָל וויסן איז אַז דער מצב ווערט טאַקע שווערער, אָבער דאָס איז וויבאַלד מען האָט שוין ממש בעפאָר די גרויסע ישועה! אַסאַך מאָל זעט מען דאָס ביי שידוכים, אָדער ביי מענטשן וואָס וואַרטן אויף קינדער, וכדומה. דער מענטש ווארט און וואַרט, ער איז בטוח אַז די ישועה גייט שוין קומען, אָבער נאָכדעם באַקומט אַזאַ שטאַרקע פּאַטש, צום ביישפּיל ער הערט אַ שטאַרקע ׳ניין׳ פון אַן אָנגעטראָגענעם שידוך, אָדער דער דאָקטער זאָגט אַז ער קען שוין נישט געהאָלפן ווערן מיט קינדער חלילה.

אָבער מ׳טאָר נישט פאַרגעסן אַז דאָס איז דער סדר פון אַ ישועה, **ווען ס׳ווערט נאָכמער שוואַרץ איז דאָס כדי צו מקרב זיין שנעלער די ישועה!** אַזוי זאָגט דער אור החיים הק׳ אַז די צעבראָכנקייט פון אַ איד בשעת ס׳ווערט אים שווערער, דאָס ברענגט נענטער די גאולה! דערמיט פּטר׳ט מען זיך יאָרן פון שוועריגקייטן!

די דריטע חשבון צו געדענקן איז, אַז **מען דאַרף זיך אַלעמאָל מחזק זיין מיט אמונה.** אפשר איז די ישועה נאָכנישט געקומען ווייל מען האָט נישט געהאַט גענוג אמונה!

## אין ׳פּרשת וארא׳ איז פאַרהאַן אַ תשובה אויף די אַלע קשיות

מענטשן דרייען זיך אַרום מיט אַזויפיל ׳למה הרעות׳ס... זיי שפּירן אַז זיי האָבן געטון אַ מצוה וואָס וואָלט געדאַרפט מגין זיין; זיי האָבן געטון אַזויפיל חסד וואָס וואָלט געדאַרפט ברענגען די ישועה; דאַרף מען געדענקן נישט צו גיין אין דעם ריכטונג! מיר דאַרפן פּשוט לערנען די הייליגע תורה! **אין די פּסוקי התורה שטייט אַ תשובה פאר די שאלות און אז ׳אני הוי״ה׳ - דער אויבערשטער איז בלויז רחמנות!**

די מענטשן וואָס זענען אַזוי פאַרביטערט מיט די שאלות פון ׳למה הרעות׳ זענען מעביר סדרה בלויז ׳פּרשת שמות׳. **זיי זענען קיינמאָל נישט מעביר סדרה ׳פּרשת וארא׳...** ווען מען הערט צומאָל אַ מענטש איז אַזוי צעבראָכן, **לאָזט אים נישטליידן! ציינגט אים אָן אַז אין די ערשטע פּסוקים פון די פּרשה איז אַ תשובה פאר אַזעלכע סאָרט געפילן.** אַז מען לערנט אַזאַ שטיקל אור החיים הק׳ ווערט ליכטיג אַלע שאלות און דעמאָלט קען אַ מענטש טאַקע זען און שפּירן די גאולה!


פטרוני השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ידידנו הדגול
מו״ה **רפאל אריה קרויס** הי״ו
לרגל נישואי בנו החתן **אלעזר ליפא** הי״ו
עב״ג הכלה החשובה בת ר׳ **יעקב יואל באנדא** הי״ו
יהא רעווא שיזכו לבנות בית נאמן בישראל
לתפארת בית אבותם

לזכר נשמת
הרה״ק **רבי חיים זאנוויל**
**בן רבי משה** זצוק״ל
**אדמו״ר מריבניץ**

ישלם ה׳ פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק:
סאטמאר 53 לאקער #62
קראסנא לאקער #166
ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
טאהש
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ״ד סאטמאר - בנין בראך
בראשוב
Central Market

קול הביני: ארה״ב – 718.686.8300 | א״י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223